# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** די חכמים האבן געזאגט אז די ספירה טעג זענען א צייט וואס איז מסוגל אויסצוארבעטן די מידות. ווייל די 24 טויזענט תלמידים פון ר' עקיבא זענען נפטר געווארן אין די טעג, ווייל "לא נהגו כבוד זה בזה," זיי האבן זיך נישט געפירט ווי עס דארף צו זיין איינער מיט'ן צווייטן. דורך ליינען דער פאלגענדע מעשה קענען מיר זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון ארבייטן אויפן מידות.

איין יאר, אויך די יארצייט פונעם חפץ חיים זצ"ל, האט א געוויסער רב געגעבן א דרשה אין א שול אין שטאט "מיעמי" לכבוד די יארצייט. פארשטייט זיך אז דער רב האט גערעדט וועגן דעם גדלות פונעם חפץ חיים זצ"ל אין תורה און מידות טובות, בפרט וועגן דעם אהבת ישראל מיט וואס דער חפץ חיים זצ"ל איז באקאנט געוועזן.

דער רב האט דערציילט א מעשה פון דעם חפץ חיים: אמאל איז געוועזן א בחור אין דעם חפץ חיים'ס ישיבה אין דער שטאט ראדין וועלכע מען האט ליידער געטראפן רייכערן אין שבת קודש, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. ווען די תלמידים פון דער ישיבה האבן געטראפן דעם בחור רייכערן זענען זיי געלאפן דערציילן צו די מגידי שיעור פון דער ישיבה. די הנהלה פון דער ישיבה האט מחליט געווען צו ארויסווארפן דעם בחור. אבער, ווען דער חפץ חיים איז געוואר געווארן פון דער פרשה, האט ער געבעטן אז מען זאל קודם ברענגען דעם בחור צו אים אינדערהיים...

דער רב האט אויפגעהערט צו דערציילן דעם מעשה און געזאגט פאר'ן עולם, "איך ווייס נישט וואס דער חפץ חיים האט געזאגט פאר דעם בחור. אבער איך ווייס אז זיי זענען געווען צוזאמען נאר א פאר מינוט. עס איז מיר זייער אינטערעסאנט צו וויסן וואס דער חפץ חיים האט דערציילט פאר דעם בחור, ווייל מען זאגט אז דער בחור האט קיינמאל נישט מער מחלל שבת געווען נאכדעם. עס וואלט געווען פאר אונז א גרויסע טובה צו וויסן וואס דער חפץ חיים האט דעמאלט געזאגט, ווייל אפשר וואלטן מיר געקענט אויפטון אז נאך מער אידן זאלן ווערן שומרי שבת..." דאן האט דער רב פארענדיגט זיינע דרשה.

נאך דער דרשה, איז די גאנצע עולם אהיימגעגאנגען, אבער עס איז געבליבן אן עלטערער מענטש וואס איז געבליבן זיצען אין זיין פלאץ. דער רב האט באמערקט אז דער איד ציטערט. דער רב איז אריבערגעגאנגען צו דעם איד פרעגענדיק, "איז עפעס נישט אין ארדנונג?"

"ווי אזוי האסטו געוואוסט פון דער מעשה פון דעם סיגארעטל אין שבת?" האט דער איד געפרעגט דעם רב. דער אלטער איד האט נישט אפילו ארויפגעקוקט אויף דעם רב ווען ער האט געפרעגט די שאלה, ווייל ער איז געווען שטארק אויפגעטרייסלט.

"איך ווייס נישט באמת פונקלעך פון וואו... איך האב עס אבער געהערט לאנג צוריק, איך געדענק נישט פון וועמען."

דער אלטער איד האט ארויפגעקוקט אויף דעם רב און געזאגט, "איך בין געווען דער בחור, [וואס דער חפץ חיים האט מוכיח געווען וועגן רייכערן אין שבת.] איך וויל יעצט דערציילן וואס איז געשען..."

פאר מיר גייען ווייטער דערציילן ווי אזוי דער חפץ חיים האט מוכיח געווען יענעם בחור, לאמיר אביסל רעדן פון דער מצוה פון "הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא..." (ויקרא יט,טז) זאגט דער הייליגער רמב"ם: "הרואה חבירו שחטא או שהלך בדרך לא טובה מצוה להחזירו למוטב ולהודיעו שהוא חוטא על עצמו במעשיו הרעים וכו'." איינער וואס זעט אז זיין חבר האט געזינדיגט, אדער זיין חבר איז געגאנגען אויף נישט א גוטע וועג, איז עס א מצוה אים צוריקצוברענגען צו גוטס, און [עס איז א מצוה] אים צו לאזן וויסן אז ער זינדיגט זיך מיט זיינע שלעכטע מעשים. (הלכות דעות פרק ו,ז)

פאר מען וויל מוכיח זיין יענעם, זאל מען פרעגן א שאלת חכם, כדי צו זיין זיכער אז דער מענטש האט באמת געזינדיגט. ווייל מען וויל נישט מוכיח זיין מער ווי מען דארף. נאכדעם איז עס וויכטיג ווי אזוי מען איז מוכיח. זאגט דער רמב"ם ווייטער, אז דער מוכיח זאל רעדן מיט דעם מענטש "בנחת ובלשון רכה ויודיעו שאינו אומר לו אלא לטובתו להביאו לחיי העולם הבא," מיט א רוהיגקייט, און מיט א ווייכע לשון, און דער מוכיח זאל אים לאזן וויסן אז ער זאגט דעם תוכחה נאר פאר'ן גוטס פון זיין חבר, כדי אים צו צוברענגען צו עולם הבא. (שם)

דער של"ה הקדוש ברענגט אויך א שטארקע נקודה אויף דעם וויכטיגקייט פון מוכיח זיין יענעם רוהיגערהייט. זאגט ער אז ווען עס קומט צו מוכיח זיין יענעם, זאל מען אים זאגן, "איש טוב אתה ולמה תעשה כה. על דרך 'אל תוכח לץ פן ישנאך' (משלי ט, ח), רק הוכיחו שהוא 'חכם' ואז 'יאהבך' וישמע לדבריך..." (ספר ויקרא ־ פרק תורה אור, מספר תורת כהנים. (יט)) ד"ה ווען מען דארף מוכיח זיין יענעם, זאל מען אים זאגן למשל, "איך וויל דיר עפעס זאגן: איירע קינדער זענען אזוי וואויל. איך זעה ווי זיי פירן זיך יעדע וואך אויף אין שול. געוועגטליך זענען זיי אזוי שטיל ביים דאווענען און ביים ליינען. פאר וואס איז די וואך געווען אנדערש?"

דורך דעם וואס מען איז מוכיח יענעם מיט א ווארעמקייט און א רוהיגקייט, קען מען מער אויפטון ביי יענעם. עד כדי כך, אז די פסוק פירט אויס "ולא תשא עליו חטא..." עס מיינט אפשר צו זאגן אז, מען זאל מוכיח זיין יענעם אויף א אופן וואס מען זאל אים נישט חס ושלום צוברענגען צו טון אנדערע עבירות. ווייל אסאך מאל קען מען מיט א שארף ווארט גורם זיין אז א מענטש זאל דווקא זינדיגען, ה' ירחם! איז לאמיר ענדיגען דער מעשה...

"דער מעשה איז געשען אין די תר"פ יארן, ווען דער צדיק דער חפץ חיים זי"ע איז געווען שוין אין די אכציגע יארן." האט דער אלטער איד אנגעהויבן צו דערציילן פאר דעם רב. "דער חפץ חיים האט מיך גערופן צו קומען צו אים אינדערהיים. ווען איך בין אנגעקומען צו דעם חפץ חיים'ס הויז, בין איך געווארן ערשטוינט צו זען די ארימקייט ביי אים אין שטוב. איך האב נישט געקענט גלייבן אז א רב מיט אזא חשובע שטעלע זאל וואוינען אזוי. בקיצור, איך האב געווארט אפאר מינוט ווען נאכדעם איז ער ארויסגעקומען פון זיין פריוואטען שטוב. ער איז געווען א נידריגער מענטש, ער איז קוים אנגעקומען צו מיינע אקסעלן. דער חפץ חיים האט גענומען מיין האנט מיט זיין ביידע הענט. דער חפץ חיים האט געברענגט מיין האנט מיט זיין צוויי הענט צוזאמען צו זיין פנים, און ער האט צוגעמאכט זיין אויגן. ווען ער האט געעפענט זיין אויגן אביסל שפעטער, האב איך באמערקט אז זיינע אויגן זענען געווען פיל מיט טרערן. ער האט געזאגט צו מיר שטילערהייט מיט א שטימע פיל מיט ווייטאג און פארוואונדערונג: 'שבת!' און ער האט אנגעהויבן צו וויינען שטארק. 'שבת!' האט ער געזאגט נאכאמאל, הייליגע שבת!'

"מיין הארץ האט אנגעהויבן צו קלאפן שטארק," האט דער אלטער איד געזאגט ווייטער בערך 60 יאר נאכדעם וואס די מעשה איז געשען. "דער חפץ חיים'ס טרערן האבן גערינען אויף מיין האנט. ווען איך טראכט יעצט פון דעם, קען איך נאך אלס שפירן די ווארעמע טרערן. איך קען נישט מסביר זיין ווי שלעכט איך האב געפילט דעמאלט אז איך האב גורם געווען אז דער צדיק זאל וויינען. דער חפץ חיים איז נישט געווען אין כעס אויף מיך, נאר, ער איז געווען אנטוישט מיט מיר." האט דער איד געענדיגט דערציילן פארן רב אין דעם שול אין מיעמי אין דער חפץ חיים'ס יארצייט עטליכע 50 יאר נאך דעם צדיק'ס פטירה. דורך דעם תוכחה פונעם חפץ חיים זצ"ל, האט דער בחור קיינמאל נישט מער מחלל שבת געווען אין זיין לעבן!

דער חפץ חיים האט כמעט גארנישט געזאגט פאר דעם בחור. נאר, דער צדיק האט אים מוכיח געווען מיט ווארעמקייט און ליבשאפט, צוויי פון די שטערקסטע כוחות. מען זאל געדענקען אז עס איז אפשר מער וויכטיג ווי אזוי מען טוט דעם תוכחה, ווי דער תוכן פון דעם תוכחה אליינס.

אויסער דעם מצוה פון געבן תוכחה אויף א שיינע אופן, זאל מען בכלל זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון תיקון המידות. אין די טעג באקומט מען א באזונדערע סיעתא דשמיא צו אויסארבעטן די מידות. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דורך דעם וואס מען ארבעט אויף די מידות זאל מען זוכה זיין צו די תפילה פון: "הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה, במהרה בימינו אמן סלה." **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362–3234

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)